סוף דבר

# די לערע פון מאַונט קלעמענס

## פון הרב משה שערער

אין חודש סיון, תשי״ט, האָט דער אָרטאָדאָקסישער ציבור אין אַמעריקע, ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, גע׳יובל׳ט דעם „נצחון פון מאַונט קלעמענס״.

אָבער איצט, נאָך די ערשטע טריומפאַלע פרייד־געפילען, איז זיכער די צייט פאַר אַ ניכטערן אַנאַליז איבער דער באַדייטונג פון דעם מאַונט קלעמענס מחיצה־קאַמף, וועמענס קלימאַקס איז געווען דער סופרים קאָורט אורטייל. דער נצחון אין מאַונט קלעמענס וועט ניט זיין קיין נצחון, אויב דער אָרטאָדאָקסישער ציבור, זיינע רבנים און ערנסטע עסקנים וועלן אים נאָר פייערן, און ניט פאַרשטיין ווי אים געהעריג אויסצונוצען.

* * *

דער נצחון פון מאַונט קלעמענס, איז ניט דאָס וואָס אַ וועלטליך געריכט האָט צוגעגעבן רעכט דעם אָרטאָדאָקסישען צד, וועלכער האָט זיך געגענגעשטעלט געגען דעם באַרויבען פון הייליגקייט פון אַ אידישען מקום קדוש; עס איז ניט דאָס וואָס אַ גויאישער ריכטער האָט אויסגעשפּראָכען זיין פאַראַכטונג לגבי יענע היפּער־מאָדערניזירטע אידען, אַ „צייטווייליגע מאַיאָריטעט״, וועלכע זוכען צו „ענדערען רעליגיעזע פּראַקטיק אין סתירה צו דעם היסטאָרישען כאַראַקטער פון איר אמונה״.

ס׳איז ניט אַזוי דער אורטייל פון מט. קלעמענס — וואָס, ווי מיר וועלען באַלד אויפקלערען, האָט אַן און פאַר זיך היסטאָרישע באַדייטונגען — ווי דער געראַנגעל גופא וואָס איז דאָרט אָנגעגאַנגען פאַר בערך פינף יאָר. דער דאָזיגער געראַנגעל האָט דעם ענין פון מחיצות געמאַכט פאַר אַ לעבעדיגע „אישו״ איבער וועלכען מען רעדט און מען דעבאַטירט. און דער איצטיקער סופרים קאָורט אורטייל, מיט איר באַגלייטענדע נאַציאָנאַלע פּראָמינענץ, האָט געגעבן אַ שטויס פאָראויס דעם דאָזיגען געראַנגעל.

ליטווין־מט׳ קלעמענס

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.

HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

ב״ה, ט״ו סיון תשי״ט
ברוקלין

הוו״ח אי״א נו״נ עוסק בצ״צ
מוה׳ ברוך שי׳

שלום וברכה!

באשטעטיג די ערהאלטונג פון אייער בריף פון יום ד׳ מיט דעם בייגעלייגטען פסק דין פון סופרים קאָורט, והנצחון.

און השם יתברך זאָל העלפען, מ׳זאָל גיין פון איין נצחון צום צווייטען, און שטייגען אלץ העכער אין ענינים פון תורה ומצות און אמת׳ע יהדות, ניט פארוואַסערטע און אפּפּוטירטע אידישקייט, נאר אזא ווי געגעבען צו משה מסיני, וואָס דוקא מיט דעם וועג, פון דעם נותן התורה ומצוה המצוה, העלפט השם יתברך אז סוף סוף פירט מען אויס אין החזקת והתפשטות היהדות.

און זעלבסט פארשטענדליך, וואָס אלץ מער מ׳איז שטארקער אין בטחון, און וואס מיט מער הארץ און מער ווארימקייט, חסידות׳שע ווארימקייט און מסירת נפש, מ׳טוט אין דעם, אלץ גרעסער און בקרוב זעהט מען, ווי אז אמת מארץ תצמח, וה׳ אתנו אל תיראום, — ווארום ה׳ ילחם לכם.

בברכה לבשורות טובות און לויטן פתגם פון מיין שווער כ״ק אדמו״ר, צו א געזונטען זומער

דאָס אַראָפּרייסען די מחיצות אין צענדליגער שולען איבער׳ן לאַנד, האָט פאַר לאַנגע יאָרען געהאַט איר הויפּט־פאַרביגדעטען אין דעם שטילשוויגען וואָס האָט געהערשט אַרום דער פראַגע. אין פילע אָרטאָדאָקסישע קרייזען האָט מען עס אַנגעפאַנגען צו באַטראַכטען ווי אַן אומפאַרמיידליכע איבעל, געגען וועלכען עס איז ניט פאַראַן קיין שום שאַנס ווירקזאַם צו קעמפען. מען האָט דערפון כמעט אויפגעהערט צו רעדען. און מיטן מאָמענט ווען מ׳האָט אויפ־געהערט דערפון רעדען, האָט זיך אָט די מכה גענומען פאַרשפּרייטען מיט אַ טייוולאַנישער שנעלקייט.

מאַונט קלעמענס, אַ קליינע שטעטעלע, וואָס איר קענט קוים געפינען אויף דער מאַפּע, וועט געדענקט ווערען אַלס דאָס אָרט וואו עס האָט זיך באַוויזען אַ איד, מיט דער היסטאָרישער אידישער עקשנות, וואָס האָט אַ סוף געמאַכט צו דער דאָזיגער שוויג־קאָנספּיראַציע. און זייט דער דאָזיגער איינצעלנער איד, ר׳ ברוך ליטווין, האָט אַ שריי געטאָן מיט אַ קול וואָס איז דערהערט געוואָרען פון איין עק לאַנד צום אַנדערען, האָט מען אָנגעהויבען צו באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם פון שול־מחיצות פאַר אַ לעבעדיגע „אישו״. און שוין דאָס אַליין, וואָס מען האָט אַ סוף געמאַכט צו דער אַטמאָספערע פון שווייגען, אין וועלכער די מחיצה־צעשטערער האָבען זיך צעבליט — איז אַ היסטאָרישער שריט פאַראויס אין דעם געראַנגעל צו ראַטעווען די קדושה פון אונזערע בתי כנסיות אין לאַנד.

* * *

דער געראַנגעל אין מט. קלעמענס האָט נאָך אַ פיל טיפערע באַדייטונג. ר׳ ברוך ליטווין האָט מיט זיין איניציאַטיוו ניט צו לאָזען באַרויבען די קדושה פון בית הכנסת אין מאַונט קלעמענס, אויפגעוויקעלט אין אַמעריקע דעם פאַן פון קאַמף פאַר אומגעפעלשטער תורה־אידישקייט און איז דערמיט געוואָרען אַ מוסטער פאַר פיל אַנדערע.

פאַר אַ היפּש ביסעל יאָרען איז אָנגעגאַנגען דער צעשטערונגס־פּראָצעס פון אָפּשאַפען די מחיצות אין די שולען. די דאָזיגע רעפאָרם־אָפּעראַציעס זיינען אַדורכגעפירט געוואָרען פיינלאַז און אָן איבעריגע וויכוחים. עס איז געגנוג געווען אין אויפגעקומענער גביר אין שטעטעל, וועלכער האָט זיך מתקנא געווען אין דער „היי־סאָסייעטי״ פון טעמפּעל אָדער גאָר פון דער דערבייאיגער קירכע. יענער האָט אַריינגעטראָגען אַ „מאָשאָן״ צו מאָדערניזירען די שול — און אַלע האָבען געהויבען זייערע הענט „אַי״. עס האָט געפעלט דער מוט זיך געגענצושטעלען. זיכער זיינען געווען דאָ און דאָרט אידען וואָס דאָס האָט זיי

Rabbi M. J. E. WOHLGELERNTER
GENERAL SECRETARY
CHIEF RABBINATE OF ISRAEL
JERUSALEM

ירחמיאל אלימלך וולגלרנטר
(לפנים רב בדיטרויט, ארצות הברית)
המזכיר הראשי
של הרבנות הראשית בישראל
ירושלים

ב״ה, ה׳ פ׳ שלח לס׳ עלה נעלה וכו׳, תשי״ט.

ליבער ר׳ ברוך און משפחה,

ס׳איז אוודאי פאַר מיר געוועזן א פערזענליכע הנאה צו לייענען פריער אין דער היגער פרעסע און דאַן אין אייער בריף, וועגן דעם אויסגאַנג פון אייער קאַמף, כאָטש איך ווייס גאַנץ גוט די לאַגע אין אייער שטעטעל און אין ענליכע מקומות, און מיר האָבען וועגן דעם גערעדט באריכות, דאָך פאַרשטיי איך אייער כוונה און איבערגעבענהייט אין דעם ענין — און דעם היסטאָרישען באַדייט פונ׳ם געריכט־באַשלוס.

א דאַנק אייך פאַר דעם גרוס צו אונזער משפחה, וועלכע בעטען איבער־געבען אייך, אייער פרוי און קינדער, זייערע בעסטע וואונשען. זייט באַרואיגט וועגען תמר׳ן; זי איז געבליבען „בת כ׳ כבת ז׳״ — אין אַלע הינזיכטען; הלוואי אויף אַלע אידישע טעכטער געזאָגט געוואָרען. זי שטייט איצט אין שדוכים, עס האַנדעלט זיך וועגן עטליכע חשוב׳ע בני תורה, און דער אויסוואַל — פון איר זייט און פון אונזער זייט — איז גראַדע א שווערער. (היינט, למשל, האָט מיר צופעליג געטראָפען דער גערער רבי שליט״א. פרעגט ער [בזה הלשון]: „נו, רבי לעבען, וואָס שלעפט זיך דער שדוך (ער, זאָל לעבען, מיינט נאַטירליך איינעם) אזוי לאַנג; שליסט אָפּ. קשה זווגו של אדם כקריעת ים סוף״)!?

אויב איר האָט א געלעגענהייט — ווייזט דעם בריף מיינעם דעם ברודער, הרב ר׳ שלום פנחס שליט״א אין דעטראָיט.

מיט פריינטשאַפט,

אלימלך וולגלרנטר

ווײ־געטאָן, אָבער זיי האָבען שנעל שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז דאָס „זיינען נייע צייטען״, אַז מען מוז נאָכגיין, בעסער געזאָגט, נאָכלויפען די „נייע ווינטען פון דער צייט״, און אַז אַוודאי טאָר מען ניט טשאַלענדזשען די „היי־ליגע רעכט״ פון דער „מאַיאָריטעט״...

אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען אין פילע שטעט איבערן לאַנד. עד שבא ר׳ ברוך ליטווין. אַ איד, ניט קיין רב און ניט קיין רב הגאון. אַ איד, אַ פשוט׳ער גע־שעפטסמאַן, אָדער, ווי ער רופט זיך אַליין: אַ קאַרפענטער. און אָט דער ר׳ ברוך ליטווין, האָט אין זיין שטעטעל אויפגעבראַכט דעם מוט אויסצושרייען אַ הילכיגען ניין! און מיטאַמאָל האָט אָפגעהילכט אַ ווידערקול אויך פון אַנדערע פשוט׳ע אידען איבערן לאַנד. אויך אין אַנדערע שטעט איז אַנטשטאַנען אַ מחנה פון מוטיגע „ניין־זאָגער״.

ר׳ ברוך ליטווין מיט זיין קאַמף אין מט. קלעמענס איז געוואָרען אַ נאַ־ציאָנאַלער סימבאָל פון אידישען ווידערשטאַנד־גייסט, און אָט דער גייסט פון ווידערשטאַנד האָט אין משך פון די לעצטע יאָרען מציל געווען ניט איין מקום קדוש פון דער רעפאָרם־פאַרפלייצונג וואָס האָט געבושעוועט איר צו פאַר־שווענקען. ר׳ ברוך ליטווין האָט מיט זיין קאַמף אין משך פון די לעצטע יאָרען אויפגעטאָן צו ראַטעווען די קדושה פון שולען פיל מער ווי ציפערען קענען באַווייזען.

נעמט נאָר אָט דעם קליינעם עפיזאָד וואָס איז פערזענליך באַקאַנט צום שרייבער פון די שורות, פון אַ שטעטעל אין פענסילווייניע. ווי אין פאַרשידענע אַנדערע שטעט האָבען זיך אויך דאָ צונויפגענומען אַ גרופּע בעלי־בתים און אויף אַ מיטינג פון באָארד אָוו טראָסטיס אַריינגעטראָגען אָט דעם באַקאַנטען פאָרשלאַג אָפּצושאַפען די מחיצה. ווען אַזאַ פאָרשלאַג וואָלט אַריינגעטראָגען גע־וואָרען מיט פינף יאָר צוריק פאַר׳ן קאַמף אין מאַונט קלעמענס, וואָלט ער אַדורכ־געפירט געוואָרען מיט דער זעלבער פיינלאָזיגקייט און שנעלקייט ווי ער איז אַדורכגעפירט געוואָרען אין צענדליגער אַנדערע קהילות. אָבער אַ פּאָר אַנדערע בעלי־בתים האָבען, אפנים, עפּעס געהאַט געהערט פון דעם געריכטס־קאַמף פון ברוך ליטווין און געגנוג איז געווען ווען אייגער האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט: נעמט בעסער אַראָפּ דעם פאָרשלאַג, ווייל אויב ניט וועלען מיר אייך אַריבער־ברענגען דעם איד מיט דער לאַנגער באָרד פון מט. קלעמענס, און עס וועט אייך גאָרניט לויבען...

* * *

פיל מענטשען וואונדערען זיך הלמאי די באַוואוסטזיניגע אָרטאָדאָקסישע

פירערשאַפט לייגט אַזוי פיל געוויכט אויף דעם מחיצה־פּראָבלעם בעת עס פעלען ניט פיל אַנדערע איבלען אין רעליגיעזען אידישען לעבען אין אַמעריקע. סיי אין דעם געראַנגעל און סיי אין דעם סופרים קאָורט אורטייל אַרום דער מאַונט קלעמענס „קעיס” קומט אַמבעסטען צום אויסדרוק די טיפערע באַדייטונג פון דעם פּראָבלעם.

אויסער דער עצם הארבקייט פון ענין פון שול־מחיצה, אויף וועלכער עס איז באַזירט די קדושת בית הכנסת, — האָבען מיר דאָ צו טאָן מיט אַן אַנדערע פּרינציפּיעלע פראַגע, וואָס רירט אָן די סאַמע יסודות פון אונזער דת: ווער באַשטימט רעליגיעזע שטאַנדאַרטען — די אייביג־בינדענדע הלכה, אָדער ח״ו אַ מאַיאָריטעט פון הענט?!

אין פּראָצעס פון אַמעריקאַניזאַציע האָבען אידען, אויסגעליידיגטע פון תורה, זיך אַזוי פאַרליבט אין דעמאָקראַטיע און אין דעם פּרינציפּ, אַז די „מאַיאָריטעט הערשט”, אַז זיי האָבען עס אַריינגעפירט אין אַלע ספערען פון לעבען — אפילו דאָרט וואו עס באַלאַנגט נים! אָט די פּסיכאָז, איז אַריינגעטראָטען אין באַוואוסט־זיין פון איד, ניט נאָר אין אַלע ענינים פון זיין פּערזענליך לעבען, נאָר אפילו אין די אומבאַרירליכע קדשי קדשים פון אונזער אמונה.

עס איז די פאַלשע אויסטייטשונג פון „דעמאָקראַטיע”, וואָס האָט געפירט און פירט כסדר פון איין חורבן צום אַנדערן אין אידישען רעליגיעזען לעבען. די אומשטערבליך און אייביג־גילטיגע בינדליכקייט פון דער הלכה איז פאַר־שטופּט געוואָרען דורך אַ נייע עבודה זרה, וועלכע פאַרהייליגט הענט פון שטערבליכע בשר ודמ׳ס אין קאַרדינאַלע פראַגען פון אידישע אמונה.

די מחיצות זיינען געוואָרען די שלאַכט־פעלדער אויף וועלכע עס ווערט אויסגעטראָגען דער צוזאַמענשטויס פון אָט די צוויי געגענזעצליכע קאָנצעפּ־ציעס, און יעטוועדער פאַרזוך פאַר דערהאַלטען די מחיצה, איז במילא אַ קאַמף פאַר דערהאַלטען די אויטאָריטעט פון הלכה אַלס דער איינציג־דאָמינירענדער פאַקטאָר אין אידישען לעבען. יעדער נצחון אין קאַמף אויפצוהאַלטען די מחיצות אין די שולען איז דעריבער אַ נצחון אויף דעם ברייטערען שליאַך אויפצוהאַלטען און צו פאַרפעסטיגען די סאָווערעניטעט פון תורה.

פאַר די פאַרפירטע „יאַהודים”, וועלכע מיינען, אַז דאָס דינען די עבודה זרה פון מאַיאָריטעט, איז אַ פאַרהייליגטער אַמעריקאַנער פּרינציפּ, איז געקומען דער אורטייל פון מישיגען סופרים קאָורט ווי אַ ביטערע אַנטוישונג. זיי האָבען זיך געוויס ניט געקענט פאָרשטעלען, אַז אַזאַ הויך אַמעריקאַנער געריכט וועט אַרונטעררייסען די „הייליגקייט פון מאַיאָריטעט” און דערקלערען, אַז פאַראַן

נאָך העכערע געזעצען, לגבי וועלכע יעדעס מענטשליכע געזעץ ווערט בטל און מוז זיך בויגען.

אין דעם זין שטעלט מיט זיך פאַר דער אורטייל פון מישיגען סופרים קאָורט, אַ נצחון פאַר דער אָרטאָדאָקסיע. אפשר וועלען אונזערע פאַרבלאָנדזשעטע אידען, וועלכע ווילען דאָך ניט מער מיט אַלע זייערע רעפאָרמען ווי נאָכמאַכען דעם גוי, זיך איצט באַזינען. דער אורטייל פון געריכט האָט זיי געלאָזען וויסען, אַז זייער וועג איז אַפילו ניט קיין גויאישער...

* * *

דאָס וואָס עס ווערט אין דער אָרטאָדאָקסישער עפענטליכקייט באַצייכענט אַלס דער נצחון פון מאָונט קלעמענס, וואָלט, שיינט מיר, גיכער באַדאַרפט באַצייכענט ווערען אַלס „די אַרויספאָדערונג פון מאָונט קלעמענס". ווייל דער גרעסטער געווינס פון אורטייל וועט זיין אויב די אָרטאָדאָקסיע וועט פאַרשטיין ווי אויפצונעמען די אַרויספאָדערונג, וועלכע רופט פון צווישען די שורות פון דעם גאַנצען געראַנגעל אין מאָונט קלעמענס.

ס'איז באמת אַ שאָד וואָס דער פּלאַץ פון אַן אַרטיקעל דערלויבט ניט צו ברענגען אַביסעל אויסצוגען פון די 5 העפטען מיט די פּראָטאָקאָלען און דאָקומענטען פון די געריכטליכע פאַרהאַנדלונגען וואָס זיינען פאַר קרוב 5 יאָר אָנגעגאַנגען אין די געריכטען אַרום דער שול אין מאָונט קלעמענס.

אַז איר לייענט, למשל, דעם פּראָטאָקאָל פון די ערשטע געריכטס־פאַרהאַנדלונגען, מוזט איר קומען צו דער מסקנא, אַז דאָרט אין געריכט זיינען געזעסען אויף דער באַשולדיגונגס־באַנק ניט נאָר די פאַרפירטע אידען פון באָארד אָוו טראָסטיס פון מאָונט קלעמענס שול וואָס האָבען באַשלאָסען דאָרט אָפּצושאַפען די מחיצה. צוזאַמען מיט זיי, איז אויף דער באַשולדיגונגס־באַנק געזעסען אויך די אַמעריקאַנער אידישע אָרטאָדאָקסיע, וואָס האָט מיט איר ביז־איצטיגער נאָכלעסיגקייט אין דער פראַגע ממש בידים צוגעפירט דערצו.

ווען איר לייענט דעם פּראָטאָקאָל קענט איר אייך ניט באַפרייען און עס פאַרפאָלגען אייך ממש די פראַגען פון דעם ריכטער, וועלכער האָט געפרעגט הרב דוד האַלעבדער און הרב שמשון רפאל ווייס, וועלכע האָבען דאָרטען אויפגעטראָטען אַלס אָרטאָדאָקסישע עקספּערטען: זיינען פאַראַן אָרטאָדאָקסישע שולען אָן מחיצות? זיינען פאַראַן אָרטאָדאָקסישע רבנים וואָס פאַרנעמען שטעלעס אין אַזעלכע שולען? און וואָס איז מיטן רב אין מאָונט קלעמענס שול? איז ער אַ מיטגליד אין אַן אָרטאָדאָקסישער רבנים־אָרגאַניזאַציע? — די אָרטאָדאָקסישע עקספּערטען האָבען אויף די אַלע פראַגען געמוזט ענטפערען מיט אַ ווייטאָג־

ליכען יאָ! און הגם זיי האָבען קלוג און ווירדיג געוואוסט אויפצוקלערען די ספּעציפישע אומשטענדען פון אַזעלכע סיטואַציעס, מוזען זיי אָבער פאַר אונז בלייבען אומפאַרענטפערט. נאָך מער, זיי ווייזען בולט, אַז דאָס לייכטקייט מיט וועלכער סתם אידישע מאַסען נעמען אויף דעם ענין פון מחיצות, האָט איר שורש אין דער ניט־אויסגעהאַלטענקייט מיט וועלכער אַ געוויסער טייל פון דער אָרטאָדאָקסישער פירערשאַפט איז זייט לאַנגע יאָרען צוגעגאַנגען צו דער דאָזיגער פראַגע.

דאָס דאָזיגע פּראָבלעם איז קלאָר אַרויסגעבראַכט געוואָרען אין אַ בריוו, וועלכען אַ רב האָט פאַרעפענטליכט אין „ראַביניקעל קאַונסיל רעקאָרד", אָרגאַן פון „הסתדרות הרבנים", פון חודש טבת תשי"ט, און אָט אַזוי רעדט זיך אַ געוויסענהאַפטער רב אַראָפּ פון האַרצען:

„...מיר האָבען ביז איצט אויסגעמיטען זיך צו שטעלען פנים־אל־פנים מיט דעם פּראָבלעם (שול־מחיצות). מיר האָבען אַן אָנגעזעענעם טייל אין אונזערע רייען, ספּעציעל אין די מערב־שטאַטען, וועלכע באַטראַכטען עס פאַר פאַרלוירען... אָבער איידער מיר קלערען וואָס צו טאָן דאַרפען מיר זיך קודם־כל קלאָר מאַכען אָט וואָס: געמישטע שולען זיינען אַ ברוך אין דער הלכה און רבנים וועלכע ראַנגלען זיך צו דערהאַלטען דעם הלכה־שטאַנדאַרט אין זייערע שולען, ווערען אָפּגעשוואַכט דורך אַנדערע אָרטאָדאָקסישע שולען, וועלכע ווערען אַלס אַזעלכע אָנערקענט, און וועלכע האָבען ניט קיין מחיצה. מיר, אין דער הסתדרות הרבנים, האָבען זיך געוואַקעלט מיטן דאָזיגען פּראָבלעם. פריער האָבען מיר געהאַט אַ פינף־יאָר געזעץ, אָבער מיר האָבען עס קיינמאָל ניט אויסגעפירט און רעאַל־גענומען קענען מיר עס ניט מער. מיר האָבען עס איבערגעגעבען דער „פּלעיסמענט־ביוראָ" און זיי האָבען מיט דער פּרעציזקייט פון אַן אויטאָמאַט־מאַשין אונטערשטיצט יעדען וואָס האָט פאַרנומען אַ פּאָסטען אין אַ געמישטער שול פאַר מיטגלידערשאַפט אין דער הסתדרות הרבנים.

„...לאָמיר זיך אויפהערען נאַרען. לאָמיר אויפשטיין און קעמפען. אָבער איידער מיר דערציען אונזערע קאָנגרעגיישאָנס, מוזען מיר זיי און אויך זיך אַליין איבערצייגען פון אונזער געוויסענהאַפטיגקייט. עס האָט ניט קיין זין מיר זאָלען פּרעדיגען געגען געמישטע שולען, ווען אונזערע אָרגאַניזאַציעס און ישיבות טוען עס שטילערהייט שיצען. ריידענדיג אין מיין שול וועגען מחיצה האָט מיר אַ בעל־הבית געזאָגט: „רבי, זאָגט עס דעם פּרעזידענט פון אייער ישיבה, דער הסתדרות הרבנים. איר קענט מיר ניט זאָגען ניט צו דאַווענען אין אַ שול אָן אַ מחיצה בעת אייער ישיבה און אָרגאַניזאַציע קוקען אין אַ זייט"..."

אָט אָ דאָ ליגט די טראַגעדיע פון פּראָבלעם. אָרטאָדאָקסישע רבנים פאַר־נעמען שטעלעס אין שולען אָן מחיצות, און זיי בלייבן נאָך אַלץ „אָרטאָדאָקסישע" רבנים און געניסען פון זייער מיטגלידערשאַפט אין אַן אָרטאָדאָקסיש־רבנישער אָרגאַניזאַציע; ישיבות שיקען זייערע מוסמכים אָננעמען פּאָסטענס אין שולען אָן אַ מחיצה; אַ רב אין מאָונט קלעמענס שטעלט זיך אויף דער זייט פון די בעלי־בתים, וואָס ווילען אָפּשאַפן די מחיצה, נאָכמער אויף דער זייט פון בעלי־בתים וואָס טענה'ן אין געריכט, אַז זיי זיינען אַבסאָלוט ניט קיין אָרטאָדאָקסישע און דער זעלבער רב בלייבט נאָך אַלץ אַ גוטשטייענדער מיטגליד פון אַן אָרטאָדאָקסיש־רבנישער קערפּערשאַפט.

וואָס קענט איר אין אַזאַ מצב דערוואַרטען פון אומבאַוואוסטזיניגע בעלי־בתים, וועלכע ווערען פון אַלע זייטען פאַרפּלייצט פון אַזוי פיל סתירות אין אָרטאָדאָקסישען לאַגער גופא?

דער גערעאַנגעל פון מאָונט קלעמענס דאַרף דעריבער דינען אַלס אַ מאָנונג צו דער אָרטאָדאָקסיע פאַר אויסגעהאַלטענקייט. אויב זי וויל, אַז דער נצחון זאָל זיין אַ דויערהאַפטיגער, איז פאַראַן נאָר איין מיטעל, און דאָס איז אויסגע־האַלטענקייט אין דער שיטה און קלאָרקייט פון וועג.

עס מוזען איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָוועקגעשטעלט ווערען קלאָרע שטאַנ־דאַרטען און קלאָרע גרעניצען וואָס און ווער עס איז אַן אָרטאָדאָקסישער רב און וואָס עס איז אַן אָרטאָדאָקסישע שול.

דאָ איז אפשר ניט דער פּלאַץ פאַר ספּעציפישע רעקאָמענדאַציעס צו יענע רבנישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע טראָגען אויף זיך די גרויסע אחריות פון גאַנץ־מאַכען זייער מחנה דורך פעסטע שטאַנדאַרטען. דער איצטיגער צושטאַנד פון שרייענדע סתירות און דאָפּעלטע בוכהאַלטעריע איז אָבער זיכער עלול צו ברענגען ווייטערע ירידות. די אַטמאָספערע, געשאַפען דורך מאָונט קלעמענס, איז די גינסטיגע צייט פאַר אַזאַ ערנסטען חשבון־הנפש, וועלכער זאָל פירען צו קאָנסעקווענטע שריט.

מען מוז איינמאָל פאַר אַלע מאָל זיך באַפרייען פון דעם אומבאַרעכטיגטען פחד, אַז „אָפּעראַציעס וועלען מאַכען ערגער". דער דאָזיגער פחד פאַר מאַכען ערגער האָט אונז ביז איצט צופיל געקאָסט און עס איז איצט די צייט זיך אָנצוגורטען מיט מוט און צו האַנדלען אומדערשראָקען.

* * *

אָבער דאָס אַלץ איז נאָך ניט קיין פולע לייזונג פאַר דעם אָנגעווייטאָגטען פּראָבלעם. וואָס עס נויטיגט זיך איז ניט נאָר פעסטקייט, קלאָרקייט און אַנט־

שלאָסענקייט אין די קרייזען פון ראַבינאַט און אָרטאָדאָקסישער פירערשאַפט, נאָר אויך אַ גרויסער אומפּאַסענדער אויפקלערונגס־קאַמף איבער דער לענג און ברייט פון לאַנד געגען דער משוגעת־פּסיכאָז פון „געמישטע פּיוז".

עס שיינט מיר, אַז מיר האָבען פיל ברייטערע מעגליכקייטען צו זיין איבער־צייגענד אין אָט דעם קאַמף פאַר קדושת בית הכנסת ווי אין וועלכען ס'איז אַנדער געביט. עס איז אפשר שווער צו באַאיינפלוסען אַ איד צו ווערען אַ פול־שטענדיגער שומר־שבת. עס איז אָבער לייכטער צו ריידען צום געוויסען פון אַ איד צו רעספּעקטירען די הייליגקייט פון אַ שול. עס איז אפשר שווער פאַר דעם איד זיך אָפּצוגעוואוינען פון אַלטע חטאים. עס דאַרף אָבער זיין לייכטער אים צוריקצוהאַלטען פון נייע.

פאַראַן אידען איבער'ן לאַנד, וואָס ווייסען אפילו ניט, אַז אַ געמישטע שול קען ניט זיין אַ מקום קדוש. מען דאַרף זיי דאָס אויפקלערען. דער אַמעריקאַנער איד, אויך דער ניט־פרומער, האָט רעספּעקט און ערפורכט פאַר דער שול, פאַרן מקום קדוש. מען דאַרף אים אויפקלערען, אַז געמישטע שולען דעגראַדירען די הייליגקייט פון דער שול און פאַרוואַנדלען דעם מקום קדוש אין אַ פעשאָן־האָל, אין אַ מאָדע־סאַלאָן. און מענטשען מיט אַ פיין געפיל צו רעליגיע וועלען עס פאַרשטיין. מען דאַרף אויפקלערען די אידישע פרוי, וואָסער הויכע פּאָזיציע זי פאַרנעמט אין דער אידישער הלכה און אַז די אָפּגעזונדערטקייט מיינט אַבסאָלוט ניט קיין נידערונג פון איר אָרט אין דער אידישער משפחה און פאָלקס־לעבען.

אינטערעסאַנט איז, ווי אונזערע געגנער, די אַפּאָסטאָלען פון געמישטע שולען, ציטערן פאַר אַזאַ אויפקלערונג. אַ באַווייז דערפאַר קען אַמבעסטען דינען דער פאַל אין מאַונט קלעמענס. ווען דער באָארד אָוו טראָסטיס אין דער מאַונט קלעמענס שול האָט געהאַט באַשלאָסען אָפּצושאַפען די מחיצה, איז קיין מאַונט קלעמענס אַראָפּגעקומען דער דאַמאָלסדיגער פּרעזידענט פון „הסתדרות הרבנים", הרב האָלענדער. די באָארד־מיטגלידער פון דער שול האָבען אויפגענומען הרב האָלענדער און מיט אים דיסקוטירט דאָס פּראָבלעם און ווען הרב האָלענדער האָט געזען אַז זיי זיינען פאַר'עקשנ'ט אין זייער באַשלוס, האָט ער נאָר אויס־געדריקט איין בקשה: „לאָזט מיר ריידען צו די מיטגלידער פון דער שול". אָבער די באָארד־מיטגלידער האָבען דאָס בשום־אופן ניט דערלאָזען. משמעות, זיי האָבען מורא געהאַט. זיי האָבען געוואוסט, אַז הגם זיי האָבען די צושטימונג פון זייערע מיטגלידער, וועלען די מיטגלידער ניט באַשטיין אויף אָפּשאַפען די מחיצה, אויב מען וועט זיי אַביסעל מער באַלויכטען וועגען דעם אמת'ן מהות פון אַ מקום קדוש.

עס איז דעריבער צו באַגריסען די וויכטיגע איניציאַטיווע פון ר׳ ברוך ליטווין אַרויסצוגעבען אַן אַל־אומפאַסענדען ספר, וועלכער וועט צוזאַמענעמען אין לשון־קודש און ענגליש די אויפקלערונגען און מקורות וועגען קדושת בית הכנסת אין אַלע אירע אַספּעקטען. ער האָט זיך אונטערגענומען אַרויסצוגעבען דאָס דאָזיגע מאָנומענטאַלע ווערק, ווייל אין משך פון די יאָרען פון זיין קאַמף, דורך וועלכע ער האָט עטליכע מאָל באַרייזט דאָס לאַנד לארכה ולרחבה, האָט ער געפילט דעם גרויסען שאָדען וואָס עס ברענגט דער מאַנגעל אין פּאַסענד מאַטעריאַל איבער דעם גאַנצען פּראָבלעם. דאָס איצטיגע ספר וועט צוזאַמענ־ברענגען אַ גרויסען גייסטיגען באַגאַזש אויף דער טעמע, פון די צייטען פון מעמד הר־סיני, ווען, לויט די פרקי דרבי אליעזר, זיינען געווען „אנשים לבד ונשים לבד״, ביז צו די לעצטע תשובות פון אונזערע גדולי־תורה פון היינטיגען דור, צוזאַמען מיט איבערצייגענדע אויפקלערונגען, וועלכע קענען גענוצט ווערען געגען אַט דעם פסיכישען געיעג צו פאַרגויאישען אונזערע שולען.

בינתים, ביז די אָרטאָדאָקסיע וועט קענען אַנטוויקלען אַזאַ ווירקזאַמע פּראָפּאַגאַנדע, האָט דער אורטייל פון מישיגען־קאָורט געגעבען דעם תורה־ציבור אַ וויכטיגען וואָפען. עס וועט דינען ווי אַ רעכטליך מיטעל מאַמענטאַל אָפּצוהאַלטען שולען, וועלכע האָבען געהאַלטען ביי אַט דעם טראַגישען פאַל פון ליקווידירען די מחיצות, און אינצווישען וועט זיך אפשר לאָזען אויסנוצען אַט די געוואונענע צייט, בכדי צו עפענען די אויגען און די מוחות פון די בלאָנדזשענדע אידען.

* * *

אויב עס איז ווען געווען די צייט פאַר אַ נייער אָפענסיווע צו ראַטעווען די קדושה פון אונזערע שולען, איז עס איצט.

דער קאַמף פון מאָונט קלעמענס מיט איר סופרים קאָורט נצחון האָבען געשאַפען אַ גינסטיגען קלימאַט צו מאָביליזירען די אָרטאָדאָקסישע כוחות כלפי פנים און כלפי חוץ פאַר אַ הייליגען געראַנגעל פאַר דער סואווערעניטעט פון תורת ד׳ על־כל־פנים אין בית ד׳.

לאָמיר זיין דערוואַקסען צו דעם רוף פון דער שעה.

בזה אני נותן שבח והודיה לה׳ שזיכני להתחיל ולגמור את הדפסת הספר
הזה . זכות הרבים תהא מסייעת אותי שאצליח בדרכי למען
חזוק יסוד גדול בדרך התורה והמסורה . החלק העברי סודר
באותיות פראנק ריהל ומרים ונדפס אף הוא כחלק האנגלי
בדפוס האחים שולזינגר, אשר לבעליו, ולמנהל בית
הדפוס, דומיה — תהלה . ההדפסה התחילה
בשלהי קיץ, תשי״ט ונשלמה בחדש כסלו,
תש״ך, לסדר אל שדי יברך אותך.